בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת קרח תשע"ו | גליון 366 [שנה ח']

**בן לוי און נישט בן יעקב?**

וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן־יִצְהָר בֶּן־קְהָת בֶּן־לֵוִי: (ט"ז א) רש"י ברענגט פארוואס ווערט נישט דערמאנט בן יעקב? ווייל יעקב האט געבעטן רחמים מען זאל נישט דערמאנען זיין נאמען ביי די מחלוקת. שטעלט זיך א קשיא אז עס שטייט שוין בן לוי ווייסט מען שוין אז ער איז בן יעקב? כדי דאס צו פארשטיין דארף מען מקדים זיין א פסוק (דברים ט' כ"ז) "זְכֹר לַעֲבָדֶיךָ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב אַל־תֵּפֶן אֶל־קְשִׁי הָעָם הַזֶּה וְאֶל־רִשְׁעוֹ וְאֶל־חַטָּאתוֹ:" דער פסוק איז שווער, אויב מען דארף דערמאנען די אבות איז וואס מיינט אַל־תֵּפֶן אֶל־קְשִׁי הָעָם הַזֶּה וואס איז משמע אז מען זאל נישט דערמאנען? איז מסביר דער ספר "שלמה מול אדר", אז מעורר זיין זכות אבות איז א גוטע זאך, אבער דאס קען אויך ברענגען א קטרוג אויף כלל ישראל, ווייל וויבאלד זיי זענען קינדער פון א זעלכע אבות איז די טענה אסאך גרעסער אויף זיי, ע"ד משל: צוויי מענטשן האבן געטאן פארברעכנס, זענען זיי געקומען צום שופט, איינער איז געווען א זון פון א פראסטער מענטש און איינער איז געווען דער זון פון א חשובער מענטש, פאר דעם ערשטן האט דער שופט ארויסגעלאזט אויף א גרינגן אויפ'ן, ווייל ער האט נישט געהאט פון וועמען זיך צו לערנען, אבער דער צווייטער האט דער שופט געגעבן א הארבע שטראף, ווייל ער האט זיך געדארפט אפלערנען פון זיין חשובער טאטע, דאס זעלבע איז ביי כלל ישראל, זְכֹר לַעֲבָדֶיךָ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב, מען זאל נוצן זכות אבות, אבער אַל־תֵּפֶן אֶל־קְשִׁי הָעָם הַזֶּה, אז די זכות אבות זאל מען נוצן נאר אויף גוט'ס און נישט פארקערט. דאס האט יעקב מורא געהאט מיט דערמאנען זיין נאמען, כדי עס זאל נישט מעורר זיין א קטרוג אויף קורח, וואס ער איז א אייניקל פון יעקב, און כדי צו גרינגער מאכן זיין עונש, האט יעקב נישט געוואלט אז זיין נאמען זאל שטיין. (כרם הצבי – פארבער)

**געמאכט שלום אין חלום**

בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת־אֲשֶׁר־לוֹ וְאֶת־הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו: (ט"ז ה') פרעגן די מפרשים פארוואס האט משה געדארפט ווארטן ביז אינדערפרי און נישט ווייזן גלייך ווער איז גערעכט? נאר מען קען דאס פארשטיין מיט א מעשה: אין שטאט טבריה האט געוואוינט צוויי שוחטים וואס זענען געווען חסידים פון הייליגן ר' אהרן מקארלין דער בית אהרן זיע"א. איינמאל האט זיך געמאכט א סיכסוך וועגן געלט זאכן און דאס האט גורם געווען א שטארקע פירוד צווישן זיי, אזוי האט זיך עס געצויגן עטליכע טעג, און עס ווערט נישט שלום! איין נאכט חלומ'ט זיך איינער פון די שוחטים אז דער רבי קומט צו אים און פרעגט: נו!! וואס איז דאס? האט ער געטראכט אז עס איז נאר א חלום! און אט פלוצלנגג אין מיטן די נאכט הערט ער קלאפן אויפן טיר! א דערשראקענער ווערט ער און פרעגט ווער איז ביים טיר? ענטפערט מען: דער שוחט! ווען ער עפענט דעם טיהר און דערזעהט אז זיין חבר דער שוחט איז געקומען, פרעגט ער אים פארוואס ביזטו געקומען אינמיטן די נאכט? האט ער אים געזאגט אז דער רבי איז געקומען צו אים אין חלום און ער האט אים געפרעגט: נו!! וואס איז דאס? האב איך מקבל געווען אז איך וויל נישט מצער זיין דעם רבין און איך וועל גיין דיר מפייס זיין אפילו אין מיטן די נאכט! דער חבר האט געשפרונגן ווייל די זעלבע ווערטער האט אים דער רבי אויך געפרעגט אין חלום! און האט דא געזען ווי שטארק דער הייליגער רבי האלט א גיט אכטונג אויף זיינע חסידים עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת, און זיי האבן זיך גלייך איבערגעבעטן און אזוי איז געווארן שלום ושלוה ע"כ, דא אויך: משה רבינו האט געוואלט דא שלום מאכן אין די מחלוקת פון קרח, האט ער געוואלט אז די בני קרח זאלן זיך לייגן און ער וואלט שוין געמאכט שלום ביי זייערע חלומות, אבער דער שטן האט זיי נישט געלאזט גיין שלאפן, איז געווען שווער צו מאכן שלום. (שמח זבולון)

**אינטרעסאנטע זעלבע לשונות ביי די וויכוח פון משה און קרח**

וַיִּקָּהֲלוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב־לָכֶם: (טז יג) אינטערסאנטע זאך אין די פרשה: מיר טרעפן דעם זעלבן לשון פון משה און קרח ביי זייערע וויכוחים, די בני קרח האבן געזאגט רַב־לָכֶם, האט זיי משה רבינו אויך געזאגט (פסוק ז) רַב־לָכֶם בְּנֵי לֵוִי, און ווען משה זאגט זיי (פסוק ט) הַמְעַט מִכֶּם כִּי־הִבְדִּיל, זאגט צוריק בני קרח (פסוק יג) הַמְעַט כִּי הֶעֱלִיתָנוּ מֵאֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ, נאר דער ענין איז ווי די גמ' (ביצה דף כ.) זאגט הלכך האי צורבא מרבנן דאמר ליה חבריה מלתא לא להדר ליה מלתא טפי ממה דאמר ליה חבריה. א תלמיד חכם דארף ענטפערן די זעלבע לשון ווי מען פרעגט, דעריבער איז די זעלבער רב און המעט וואס דאס איז געווען די וויכוח. [און משה און קרח זענען געווען א צורבא מרבנן] (מקרא מפורש טראנק)

**פארוואס זענען די בני קרח חייב מיתה**

הִבָּדְלוּ מִתּוֹךְ הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע: (טז כא) דארף מען פארשטיין וואס האבן די בני קרח געטאן אז זיי זאלן זיין חייב מיתה? נאר עס שטייט דא (פסוק יט) וַיַּקְהֵל עֲלֵיהֶם קֹרַח אֶת־כָּל־הָעֵדָה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד, קומט אויס אז זי זענען געווען מורד במלכות הקב"ה און משה זיין עבד, ווייל דער אויבערשטער האט באפוילן (במדבר י א– ב) וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: עֲשֵׂה לְךָ שְׁתֵּי חֲצוֹצְרֹת כֶּסֶף מִקְשָׁה תַּעֲשֶׂה אֹתָם וְהָיוּ לְךָ "לְמִקְרָא הָעֵדָה" וּלְמַסַּע אֶת־הַמַּחֲנוֹת: אז דעם צוזאמען רופן א קהל אידן דארף זיין מיט די שְׁתֵּי חֲצוֹצְרֹת, און דא האבן זיי איינגעזאמעלט די קהל מיט קרח זיי רופן, און אויב מען מאכט א הקהל אָן די חֲצוֹצְרֹת איז דאס א הקהל אָן רשות, און עס שטייט בפירוש: אֲשֶׁר כָּל־אִישׁ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר יָבוֹא־אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית אֲשֶׁר לֹא־יִקָּרֵא אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית לְבַד מֵאֲשֶׁר יוֹשִׁיט־לוֹ הַמֶּלֶךְ אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב וְחָיָה: (אסתר ד יא) ממילא די שרביט הזהב איז די שתי חצוצרות, איז אן רשות איז אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית, דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע. (מקרא מפורש טראנק)

וַיֹּאמְרוּ אֵל אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל־בָּשָׂר הָאִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא וְעַל כָּל־הָעֵדָה תִּקְצֹף: (ט"ז כ"ב) זאגט רש"י: אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל־בָּשָׂר: יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת וְיוֹדֵעַ חַטָּה מִי כַּחוֹטֵא ע"ש, לכאורה וואס וויל רש"י מיט דעם אז דער אויבערשטער ווייסט די מַחְשָׁבוֹת און ווייסט ווער האט געזינדיגט? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס הגה"ק בעל ישמח משה זיע"א האט געזאגט אז ביי די מענטשן פון קרח איז געווען דריי כיתות, איין כת האט געהאלטן אז משה איז גערעכט, איין כת האט געהאלטן אז קרח איז גערעכט און איין כת האט נישט געהאלטן צו קיין איין צד, און דער ישמח משה האט געזאגט ער איז געווען פון דעם כת וואס האט נישט געמישט אין די מחלוקת! דארף מען פארשטיין וואס איז געווען דער הסבר פון דעם כת וואס האבן זיך נישט געמישט צו קיין צד? נאר ווייל זיי האבן געוואוסט אז קרח איז אויך א גרויסער מענטש, איז נישט מעגלאך אז ער זאגט ליגענט! ממילא האבן זיי זיך נישט געמישט וועגן שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה איז אלע מאל גוט, און מען קען אויך זאגן דאס זעלבע איז געווען ביי די כת אזעלכע וואס האבן געהאלטן מיט קרח, ווייל זיי האבן געוואוסט די גרויסקייט פון קרח וואס איז דבוק אין ה' אחד, און האבן געטראכט איז דען מעגלאך אז "אִישׁ אֶחָד -דבוק אין ה' אחד– יֶחֱטָא"! און וועגן דעם

האבן זיי מיט געהאלטן מיט קרח, האט משה רבינו דאס פארשטאנען און זאגט צום אויבערשטן הָאִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא? זיי האבן האבן דאך געמיינט אז קרח איז א צדיק, קומט זיי נישט קיין עונש, און נאך זאגט משה: יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת, אז דער אויבערשטער ווייסט מַחְשָׁבוֹת און ווייסט מִי הַחוֹטֵא! ממילא זאל נאר באקומען א עונש דער וואס האט נישט געמיינט לשם שמים און נאר לשם מחלוקת! האט דער אויבערשטער געענטפערט און רש"י ברענגט דאס: אמר הקב"ה יפה אמרת יודע אני מי חטא ומי לא חטא. דאס וואס מיר האבן געזאגט צו מחלק זיין צווישן די וואס האבן געמיינט לשם שמים און די פארקערט. (אבן שלמה שימלאוי)

# מדור העזבות

## געטאן א מצוה באהאלטערנערהייט און דער מלבוש פון די מצוה האט געברענגט א שניידער גלייך אין גן עדן

אין שטאט פראג האט געוואוינט צוויי גבירים ידידים, ר' משה און ר' אפרים, זיי האבן אלעם געטאן צוזאמען און ווען עס איז געקומען די צייט צו נעמען איידעמער פאר זיך, זענען זיי ביידע געפארן צו די גרויסע ישיבה אין פראג און פארגעלייגט פאר די ראש ישיבה אז זיי האבן געלט און קענען אויסהאלטן אן איידעם א תלמיד חכם און זיי בעטן דעם ראש ישיבה זאל זיי אויסקלייבן די צוויי בעסטע בחורים פון די ישיבה. דער ראש ישיבה איז געווען א חכם און האט גערעדט מיט יעדער באזונדער, זיי אויסגעפרעגט וועגן זיי און גערעדט מיט זיי אין לערנען, און אויך וואס פאר א טאכטער זיי האבן. דער ראש ישיבה האט אויסגעוויילט פאר ר' משה, א בחור חיים, וואס איז געווען א תלמיד חכם, א חשובער בחור, אויך א מער פריינדליכער און א געשמאקע בחור, און פאר ר' אפרים האט ער אויך געוויילט א חשובער בחור, נפתלי, אבער מער א שטילער און א ערנסטער. די גבירים האבן געדאנקט דעם ראש ישיבה און א פאר טעג ארום איז געווארן די שידוכים אין יעדער גביר האט זיך געגרויסט מיט זיין חתן. די סעודות התנאים איז געפייערט געווארן בײַ ביידן. מען האט געשטימט זמן החתונות און די חתונות זענען פארגעקומען ווען די גאנצע שטאט האבן זיך מיט געפריידט בײַ די ביידע חתונות.

נאך די חתונות זענען ביידער ידידים געווען צופרידן מיט זייערע איידעם ביז דער שטן האט געזוכט צו מאכן א מחלוקת און איינער איז געקומען צו ר' אפרים און געזאגט אז דער ראש ישיבה האט דיר אריינגענארט, ווייל פאר ר' משה האט ער אויסגעקליבן א תלמיד חכם און א פרייליכער חתן וואס האט א גוט ווארט פאר יעדן און פאר דיר האט ער אויסגעקליבן א שטילער חתן. ווי דער סדר פון מחלוקת, האט דאס שוין געשאפט א רייבעריי צווישן די צוויי ידידים און ר' אפרים האט מקנא געווען ר' משה'ס חתן און אלעם געזוכט ווי ער קען איהם דערנידערן און רעדן שלעכטס אויף אים, אבער דער אמת שווימט ארויף, און זיינע העצעריי איז געפאלן אויף טויבע אויערן, ווייל יעדער אין שטאט האט ליב געהאט חיים, ווייל ער איז געווען שטענדיג פרייליך און אייביג געהאט א גוט ווארט פאר יעדן און אזוי איז געווען זייער שטיל די העצעריי אנטקעגן חיים, און דער לעבן איז ווייטער אנגעגאנגען נארמאל.

עס איז אריבער א צייט און חיים האט געלערנט אין שול ווען ער באמערקט א מתפלל פון שול קומט אריין מיט א טרויעריגער פנים און באוויינטע אויגן און זעצט זיך זאגן תהלים מיט בכיות. חיים זעט דאס און זייענדיג א פריינדליכער מענטש איז ער צוגעגאנגען צום איד און געפרעגט אפשר קען ער איהם העלפן? ענטפערט ער "דו קענסט מיר נישט העלפן"! רופט זיך אן חיים, עס שטייט דאגה בלב איש ישיחנה, מען דארף אויסרעדן א דאגה, לאחרים, פאר יענעם, און אזוי וועט דאס ווערן נידעריגער און אפשר קען איך דיר יא העלפן? ענטפערט דער איד: אזוי ווי ער האט זיך פארפאלנטערט מיטן פריץ מיט א געשעפט און איך קום אים 200 רובל וואס איז א גרויסער סכום, און איך האב דאס אלץ אפגעשטופט און היינט האט דער פריץ מיר געזאגט אז דער לעצטער טאג וואס איך קען אים באצאלן איז היינט באנאכט און אויב נישט חס ושלום קען ער גוזר זיין אויף מיר מיתה רח"ל! חיים האט געהאט א ווארעמער הארץ און א געפיל, זאגט פארן איד "זארג זיך נישט איך וועל זעהן וואס איך קען טאן דיר ארויסהעלפן, בלייב דא אין שול און בעזרת השי"ת וועל איך פאר דיר שאפן די געלט". דער איד דאנקט אים און נעמט זיך ווייטער זאגן תהלים אז דער אויבערשטער זאל אים שיקן א ישועה.

חיים גייט ארויס פון שול און טראכט בײַ זיך, וואו זאל ער גיין? האט ער זיך דערמאנט אז ר' אפרים בארגט געלט פאר די פריצים ממילא וועט ער איהם בעטן א הלוואה און דער אויבערשטער וועט איהם שוין באצאלן די הלוואה. אומר ועושה, ווען ר' אפרים זעט אז חיים איז געקומען צו אים האט ער זיך געוואונדערט וואס קען ער ווילן פון אים? ווען חיים האט דערציילט דעם מצב פון דער איד וואס דארף 200 רובל און ער וויל בארגן געלט כדי צו ראטעווען דעם איד, רופט זיך אן ר' אפרים "איך מאך מיט דיר א געשעפט איך וועל דיר געבן די 200 רובל מיט א תנאי. איך האב דא א בגד פון א גלח וואס האט מיר געקומט אסאך געלט, און עס האט זיכער נישט קיין שעטנז, ווייל עס איז ריינע לינען, און אויב דו וועסט זיך דרייען אין מארק פאר דריי שעה דאס אנגעטאן, גיב איך דיר די צוויי הונדערט רובל פאר א מתנה.

ר' אפרים האט געהאפט אז דורך דעם וועט מען שוין רעדן שלעכטס אויף חיים. חיים האט אויך געוואוסט אז דאס וועט אים גורם זיין שטארקע בזיונות, אבער דער זכות פון ראטעווען א איד איז געווען בײַ אים גאר טייער און נישט געקוקט אויף זיין כבוד און האט מסכים געווען און דאס געטאן. נאך די דריי שעה זיך דרייען אין מארק, איז ער געקומען צו ר' אפרים, און ער האט אים געגעבן די 200 רובל. חיים איז שנעל געלאפן אין שול און געגעבן די געלט פארן איד וואס האט אים זייער שטארק געדאנקט. פארשטייט זיך אז מענטשן האבן יעצט גערעדט אז חיים איז אראפ פון זינען. די משפחה האט אבער געזען אז חיים פירט זיך אויף נארמאל. חיים האט קיינעם נישט דערציילט פארוואס ער האט זיך נאריש געמאכט דעמאלטס און מארק.

דער מלבוש האט ר' אפרים פארקויפט פאר א שניידער און דער שניידער האט זייער געפאלן די סחורה און האט מחליט געווען אז ער נייט פון דעם זיינע תכריכין, און ווען ער איז געשטארבן האט מען איהם באגראבן מיט די תכריכין. ווען ער איז געקומען אויפן עולם האמת האט מען איהם געזאגט די תכריכין וואס ער גייט איז זייער הייליג און די מלאכים קענען אים גארנישט טאן, חוץ אויף איין פלאץ וואס דער שניידער האט צו גענייט א אנדער שטיקל סחורה דארטן שטעכן אים די מלאכי חבלה. דער שניידער איז געקומען צום רב פון שטאט אין חלום און דערציילט די מעשה און געבעטן פון רב ער זאל גיין עפענען זיין קבר און אראפ שניידן די שטיקל סחורה וואס ער האט ארויפגעלייגט. דער רב האט אזוי געטאן און יענע נאכט איז דער שניידער געקומען צום רב און אים באדאנקט, ווייל יעצט קענען די מלאכים איהם נישט שטעכן און מען שיקט איהם אריין אין גן עדן. דער רב האט אויס געפונען די חשיבות פון די תכריכין און האט מפרסם געווען די גרויסקייט פון חיים וואס האט זיך געלאזט ארויסגעבן אויף זיך א שלעכטע נאמען און דורך זיין מעשה האט ער געראטעוועט א איד פון טויט. דער רב האט אויך געזאגט אז מען זעהט ווי חשוב קען א בגד ווערן וואס מען האט מיט דעם געמאכט א מצוה, עס האט געשיקט א איד אין גן עדן.


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -

*א תהלים וואס רבינו יואל און זיין רביצין האבן געגעבן פאר א מיידל צו מתפלל זיין פארן רבי'ן געזונט, 1000$, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן 1000$, שושן סודות קארעץ שייך להאדמו"ר ר' משה שמואל ר"ב בן הגה"ק ר' יהוסף ר"ב מקאסאן, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם החתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד 600$ , סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד 600$, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל 1500$ סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון 50000$ סידור קול יעקב סלאוויטא הגהות און באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות געווען ביים בעש"ט 45000$ ספר עסים רימונים מיט צוויי חתימות השרף מטאש 10000 $ א*

תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר 7000$, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל 600$, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים 200$ ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר 90$ קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***
מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

אדער אויף לדעת- מיר ווינטשן אלע א געזונטע זוממער **--Please call us or email or fax and we will try to have the Gilyon delivered to your bungalow colony or camp.**